ריקע ...
דאָס וואָס מען ...
שעפּטיקן אַזוי פיל פרויען, שטאַרק געענדערט דעם קוק אַף דער פרוי. די ענדערונג האָט גענומען

און געלעכלעך פון אייער, ספּ גראַם שאָקאָלאַד, וואָס דאַרף פריער אָנגעריבן ווערן מיט אַ ריב־אייזן אַף דין. און דאָס אַלץ קאָכט מען אויף ביז ... ביסלעך איינגע... עס זעצט זיך אָפּ, נעמט עס אַראָפּ פון פייער און מען דערלאַנגט עס צו עסן, ווען עס ווערט אָפּגעקילט. צו דעם אַז מען גיט צו קיכעלעך, איז עס גאָר געשמאַק.

איבער אַ מיליאָן סאָוועטישע קינדער העלפן געווינען די מילכאָמע

פון **מענדל שלעזינגער**

אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז באַרימאַט דער נאָמען פון דעם שרייבער פאַר קינדער אַרקאַדי גאַידאַר. ער איז געווען ביז ניט לאַנג מילכאָמע קאָרעספּאָנדענט און געפאַלן אין קאַמף פון אַ פיינטלעכער קויל ווען ער האָט אויסגעפילט זיין פונקציע אַפן אוקראַינישן פראָנט.

אין דער צייט פון דער סאָוועטיש־פינישער מילכאָמע האָט ער אָנגעשריבן אַ בוך פאַר קינדער, וואָס איז געוואָרן ניט בלויז באַליבט באַ דער יוגנט, נאָר האָט געהאַט אַן אומגעהויערע ווירקונג אַפן נייעם דאָר און פאַקטיש געשאַפן אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וואָס באַשטייט איצט פון איבער פינף מיליאָן אינגלעך און מיידלעך.

דער נאָמען פון אַרקאַדי גאַידאַרס בוך איז געווען „טימאָר און זיין כאַליאַסטרע“. דער העלד פון בוך איז אַ 13־יאָריקער מאָסקווער באָכער, וואָס קלייבט צענויף אַ כעוורע קינדער מיטן צוועק צו העלפן די פאַמיליעס פון די רויט־אַרמייער, וואָס זיינען אַוועק אַפן פראָנט קעגן די פינען. דאָס בוך איז געוואָרן שטאַרק פאָפּולער און מען האָט דערפון געמאַכט אַ פילם.

ווען די נאַציס זיינען באַפאַלן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, האָבן די סאָוועטישע קינדער פון זיך אַליין, אונטערן איינפלוס פון בוך און פון פילם, אָנגעהויבן אָרגאַניזירן זיך אין „טימאַדישע“ גרופּעס צו העלפן אויפן היימישן פראָנט.

דאָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַרן געזעלשאַפטלעכן באַוווּסטזיין פון סאָוועטישן קינד. קינדער מאַכן דאָך נאָך וואָס זיי זעען אַרום זיך. דאָס סאָוועטישע לעבן איז עכט דעמאָקראַטיש אין אַלע זיינע פאָרמען. אַזוי האָבן אויך די קינדער זיך גלייך אָרגאַניזירט לויט די הייזער, לויט די גאַס־בלאָקן, לויט דעם דאָרפישן סקווער. זיי האָבן פון זיך אויסגעקליבן אייגענע קאָמאַנדירן און זיך אַ נעם געטאָן אויסגעפינען מיט וואָס זיי קאָנען זיך נוצלעך מאַכן.

יעדע גאַס האָט געקאָנט האָבן אירע ספּעציפישע פּראָבלעמען. יעדע גרופּע האָט זיך צוגעפּאַסט צו די פאָדערונגען און נויטן פון איר געגנט. מען האָט אָנגעהויבן פון גיין אַ גאַנג פאַר דער מישפּאָכע פון אַ רויט־אַרמייער, ביז אויפּראַמען די וווינונג פון דער געבליבענער פרוי און אירע קינדער.

די מילכאָמע האָט באַלד פאַרלאַנגט מער ערנסטע פליכטן און די קינדער זיינען געוואָרן אַנטילופט־וואַך, קוריערן, פּאַרטיזאַנען־סקאַוטן און אויסקוקער אין די דערפער.

זיי האָבן זיך אָנגעהויבן נוצלעך מאַכן אין די מיליטערישע שפּיטאַלן, זיי האָבן געהאָלפן אין דער לאַנדווירטשאַפט (פּרעזידענט רוזוועלט האָט זיי לעצטנס געבראַכט פאַר אַ מוסטער פאַר דער אַמעריקאַנער יוגנט, וואָס זאָל נאָכטאָן זייער ביישפּיל און אַרויסהעלפן אַף די פאַרמס), זיי האָבן אַפילע אָרגאַניזירט אייגענע וואַרשטאַטן, ווו זיי האָבן פּראָדוצירט זאַכן, וואָס זיינען נויטיק פאַר דער באַפעלקערונג און פאַרן פראָנט.

עס זיינען נאָך ניט צענויפגעזאַמלט געוואָרן אַלע פאַקטן וועגן די אַקטיוויטעטן פון די „טימאַראָווצעס“, נאָר איין זאַך ווייסט מען שוין, אַז איבער פינף מיליאָן אינגלעך און מיידלעך זיינען אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן צו העלפן געווינען די מילכאָמע.

האָבן אָנגעקליבן 40 טאָן מעטאַל אין איין טאָג

אָט איז באַנאַכט געווען אַ ראַיד פון סוינעס עראָפּלאַנען. די אַנטי־עראָפּלאַן ביקסן האָבן געענטפערט מיט שטראָמען בליי. אינדערפרי האָבן זיך די טימאַראָווצעס אַרויסגעלאָזט איבער די בערגלעך און טאָלן צונויפקלייבן די שטיקלעך בליי און אייזן פון נעכטיקן ראַיד. ווען די רויטע אַרמיי האָט צוריק איינגענומען ראָסטאָוו, האָט זיך קליינוואַרג אַ לאָז געטאָן צונויפזאַמלען דעם אייזן־ברוך צווישן די כורוועס און אין איין טאָג צייט האָבן זיי אָנגעקליבן פערציק טאָן מעטאַל.

קליינוואַרג האָט זיך אויסגעלערנט פאַריכטן זאַכן פאַרן היימישן געברויך. זיי לאָזן וויסן, אַז זיי וועלן פאַריכטן פריי וואָס מען דאַרף פאַר פאַמיליעס, וועמענס מיטגלידער געפינען זיך אַף די פראָנטן. זיי פאַריכטן טעפּ, סקאָוואָראָדעס, אויוונס.

די מיידלעך צירעווען זאָקן, נייען וועש און לייגן לאַטעס. די וואָס האָבן זיך אין שול געלערנט ווי צו מאַכן אַ פּאָר שיך, זיינען איצט געוואָרן ספּעציאַליסטן אַף דעם געביט. אינגלעך זיינען אויך סטאָליער און זיי מאַכן אַפילע וואָפן פאַרן פראָנט.

אין די מיליטערישע שפּיטאַלן שפּילן זיי אַ וויכטיקע ראָל. זיי שרייבן בריוו פאַר די פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן. זיי לייענען פאַר זיי צייטונגען און ביכער. זיי זינגען און שפּילן פאַר זיי.

דער שרייבער אַרקאַדי גאַידאַר איז אַרומגעפאָרן זען די פּרוכט פון זיין פאַנטאַזיע און ער האָט דערציילט, אַז די קינדער העלפן אין די שפּיטאַלן אויפּפּאַקן די מעדיצינישע געציינג, וואָס קומען פון אַמעריקע און אַף וועלכע עס זיינען צוגעפּעסטיקט צעטעלעך מיט דער פאָלגנדיקער אויפשריפט.

„אַט „ראַשען וואָר רעליף כראַבראָמו“ נאַרדאַו עס. עס. ער. אַט אַמעריקאַנסקאַוואַ נאַראָדאַ“ (פון ראַשען וואָר רעליף צום העלדישן סאָוועטישן פאָלק פון אַמעריקאַנער פאָלק).

די קינדער העלפן אויספּאַקן סיגאַרעטן, שאָקאָלאַד, אויסגעשטריקטע זאַכן, זייגערלעך און מעדיצינישע געציינג. הייסט עס, אַז איבער פינף מיליאָן קינדער ווייסן שוין גאָר, אַז אַמעריקע שיקט הילף.

געבענטשט זאָל זיין אַזעלכע הענטלעך

אַפילע אין ווייטן קאַלטן מורמאַנסק זיינען די קינדער פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער פּאַטריאָטישער טימאָר באַוועגונג. דאָרטן האָבן זיי זיך אָרגאַניזירט אין יאַגד־סעזאָן און זיי האָבן פאַרבראַכט אין די וועלדער און אין זומפּן, אין שנייען און אין רעגנס און צוריקגעקומען מיט 35 טויזנט קאַטשקעס, וואָס זיי האָבן אַוועקגעשיקט אין די מיליטערישע שפּיטאַלן.



אידישע קינדער אין דער סאָוועטישער שול

לעצטנס האָבן די טימאַראָווצעס פון גאָרקי געאַרבעט אַף די פאַרמס און פאַרן געלט, וואָס זיי האָבן פאַרדינט, האָבן זיי געשיקט אַ טאַנק צום פראָנט. איצט זאַמלען זיי געלט צו שיקן אַ גאַנצן טאַנק איינס. זיי פירן אַן אַ פאַרמעסט מיט די טימאַראָווצעס פון טולאַ.

אין אַסאַך שולן זיינען די רייניקער און מעכאַניקער אַוועק צום פראָנט, האָבן די קינדער באַשלאָסן אַליין איבערצונעמען די אַרבעט פון האַלטן די געביידעס ריין און פאַריכטן, וואָס מען דאַרף. זיי הייצן אויוונס, זיי פאַריכטן צעבראָכענע שול־בענקלעך, זיי סקראָבען די דילן.

ווען די קינדער זיינען צוריקגעקומען אין פּאָיטראָווו געגנט, נאָכדעם ווי מען האָט די נאַציס געהאַט פאַרטריבן פון דאָרט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די באַרבאַרן האָבן געהאַט פאַרברענט אַלע שול ביכער. די קינדער פון טשעליאַבינסק האָבן זיך דערפון דערוווּסט און זיי האָבן אָנגעהויבן אַ קאַמפּיין צו באַזאָרגן די באַפרייטע קינדער מיט טעקסט־ביכער. זיי זיינען אַוועק פון הויז צו הויז און צונויפגעקליבן די אויסגענוצטע ביכלעך. זיי האָבן צונויפגעקליבן 3.076 ביכער און צוזאַמען מיט נאָך מאַטאַנעס און וואַרעמע קליידער האָבן זיי דאָס אָפּגעשיקט צו די קינדער פון פּאָיטראָווו געגנט.

נאָכן בירגער־קריג זיינען אין סאָוועטנפאַרבאַנד געבליבן טויזנטער היימלאָזע קינדער, וואָס זיינען יאָרן לאַנג געווען אַ פּראָבלעם פאַרן סאָוועטנפאַרבאַנד. אין דער איצטיקער מילכאָמע פאַרנעמען זיך מיט דער פּראָבלעם די טימאַראָווצעס. זיי קלייבן צונויף די נייע היימלאָזע. זיי ברענגען זיי אַריין אין די פּליטשטלינג־צענטערן און שפּיטאַלן. אַף אַזאַ אויפן העלפן זיי לייזן די אָנגעווייטיקטע פּראָבלעם.

אָט דאָס איז דער גייסט פון דער היינטיקער יוגנט אין סאָוועטנפאַרבאַנד. יעדעס קינד פילט, אַז זיין לאַנד איז זיין היים, זיין מישפּאָכע איז די מישפּאָכע פון גאַנצן סאָוועטישן פאָלק.

זיי זיינען די צוקונפט פון לאַנד און די מילכאָמע ווערט געווונען מיט זייער הילף.

זיי דריקן אויס זייער דאַנקבאַרקייט צום לאַנד, וואָס האָט זיך אַזוי געטריי געזאָרגט פאַר זיי און זייערע עלטערן.

מאָדעל טעיִלאָר פאַרניטעווע...
בריק פון דער ...

זאַך וואָס איז פריער געווען אַ זעלטנהייט דאָ אין לאַנד — דאָס האָבן געטאָן מענער. קימאַט אַלע געשעפטן און אינדוסטריעס שטעלן איצט אַן פרויען. די וואָס זיינען ביז איצט ניט געקומען דערצו, ווערן געוואָרנט פון דעם אַרבעטס דעפּאַרטאַמענט, אַז זיי זאָלן וואָס שנעלער אָנשטעלן פרויען, ווייל אַ דוחק אין פרויען־אַרבעטערנס האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען אין געוויסע פאַכן.

עס איז אַ גרויסע מילכאָמע און פרויען גייען אַריין אין דער מילכאָמע, קעדיי צו העלפן געווינען דעם זיג. דערצו נאָך איז איצט פאַראַן אַ געלעגנהייט צו זען נייע ערטער, צו טאָן עפּעס נייעס, עפּעס צו לערנען, אויספּרובירן אַנדערע וועגן אין לעבן. אַכוץ דעם אַלעמען באַצאָלט זיך די אַרבעט בעסער, און פיל פרויען, אַזוי ווי מענער, זיינען רעאַליסטיש גענוג זיך צו רעכענען דערמיט.

פרויען לאָזן איצט איבער פּראָפעסיעס און שטעלעס, באַ וועלכע זיי האָבן פריער געמוזט אַרבעטן, ווייל זיי האָבן קיין ברייטערע ניט געהאַט, ניט ליב געהאַט, ווי צום ביישפּיל מאָדעל - מיידלעך, סטענאָגראַפיקעס, און אַפילע לערערנס, און טרעטן אַריין אין די הילפס אָפּט. פון די באַוואָפנטע קויכעס. זיי ווערן באַוועגט פון די זעלביקע מאָטיוון וואָס האָבן באַוועגט די מענער זיך צו ענליסמירן.

אין אַזאַ געענדערטער לאַגע פּרובירן פרויען אויס זייערע הענט אין אַסאַך נייע מעלאָכעס. זיי טרעטן אַריין מיט קוראַזש אין געביטן, ווו מען האָט צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן געעפנט פאַר זיי די טירן.

אין אָנפאַנג פון דער מילכאָמע האָט אַמעריקע געהאַט 13 מיליאָן פרויען אין דער אינדוסטריע. אויב דער איצטיקער רוף וועט געענטפערט ווערן, וועלן זיין 18 מיליאָן אַרבעטער־פרויען, אַ גוואַלדיקע צאָל! דאָס מיינט, אַז פרויען ווערן אומבאַדינגט נויטיק צו העלפן געווינען די מילכאָמע. זיי וועלן פאַקטיש זיין אין יעדער אינדוסטריע און פּראָפעסיע.

ווי געזאָגט, איז די באַדייטונג פון פרויען־אַרבעט היינט צו טאָג שוין